אין אידיש

ערב יו"ט
פסח
שנת תשפ"ד

# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק ווערטער, אין אמונה און בטחון



מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א

ישיבת רבי חיים עוזר » 347-897-9968 \ 058-323-1459


בס"ד

# ווי אזוי איז מען מקיים די מצוה פון סיפור יציאת מצרים, אז עס זאל אריינדרינגען טיף טיף אין די ביינער!!!

## » וואס איז די טעם פון מצוות אכילת מצה?!

**עס** שטייט אין פסוק בָּעֶרֶב תֹּאכְלוּ מַצֹּת (שמות יב, יח), פסח ביינאכט איז א חיוב מן התורה צו עסן מצה. מיר געפונען קעגנזייטיגע טעמים פארוואס די תורה הק' האט באפוילן אז מען דארף עסן מצה.

**מען** הייבט אן די הגדה, 'הא לחמא עניא די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים', פארוואס עסט מען מצה אום פסח, ווייל דאס איז א זכר צום עינוי אין מצרים, ווי די **גמרא** זאגט (ברכות לט:) אז צוליב דעם טעם צוטיילן מיר די מיטלסטע מצה ביי יחץ כדי עס זאל זיין לחם עוני. און אזוי זאגט די **גמרא** (פסחים קטו:) פארוואס הייסט מצה 'לחם עוני', איין טעם ווייל מען זאגט אויף דעם אסאך זאכן, די הגדה. און די צווייטע טעם איז, ווייל דאס איז ארימע ברויט, אזוי ווי דער ארימאן עסט נאר א שטיקל, די זעלבע צובערעכט מען די מצה. זעהט מען אז די טעם פארוואס מען עסט מצה איז א זכר צו די עינוי וואס איז געווען אין מצרים.

**ווייטער** אין די הגדה זאגן מיר, 'רבן גמליאל היה אומר, כל שלא אמר שלשה דברים אלו בפסח לא יצא ידי חובתו, ואלו הן פסח מצה ומרור, מצה זו שאנו אוכלין על שום מה, על שום שלא הספיקו בציקם של אבותינו להחמיץ, עד שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה וגאלם', זעהט מען אז דער עיקר טעם פארוואס מיר עסן מצה איז א זכר צום חירות. איז דאך די צוויי טעמים לכאורה א סתירה, צו דער טעם איז אלס א זכר צו די עינוי פון מצרים, אדער איז דער טעם אלס א זכר צום חירות.

**נאך** איז שווער, וואס זאגט רבן גמליאל אז דער טעם פארוואס מען עסט מצה איז ווייל לא הספיקו בציקם של אבותינו להחמיץ, מיר געפונען דאך אז השי"ת האט נאך באפוילן אין מצרים אז מען זאל עסן מצה, נאר פאר מען איז געווארן אויסגעלייזט, נישט ווייל לא הספיקו בציקם של אבותינו להחמיץ, דער חיוב צו עסן מצה איז דאך נאך געווען פאר דעם.

**דער מהר"ל** (גבורות ה' פרק נא) זאגט אז מען עסט מצה צוליבביידע טעמים, סיי אלס זכר צום עוני, און סיי אלס זכר צום חירות, און ער פרעגט אליין אז די צוויי זענען לכאורה א סתירה, ווי קומט עניות צו חירות, און ער איז מבאר באריכות לפי דרכו.

## » פארוואס דארף א מענטש זיך זעהן כאילו ער אליין איז ארויס פון מצרים?!

**כדי** צו מבאר זיין, וועלן מיר מקדים זיין וואס מען זאגט אין די הגדה, 'חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים', יעדער מענטש דארף שפירן ביי זיך די שעבוד און אז ער אליין איז ארויס פון מצרים. דארף מען פארשטיין אויב דער תכלית פון סיפור יציאת מצרים איז כדי מחזק צו זיין די אמונה, פארוואס דארף מען זיך באטראכטן כאילו מען איז אליין ארויס פון מצרים.

**הגאון רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל** האט פארציילט, ווען ער איז געווען אין מיר האט אים דער משגיח ר' ירוחם געפרעגט, וואס דארפן מיר ארויסנעמען פון די פרשיות פון יציאת מצרים. האט אים רבי יחזקאל געענטפערט, אז מיר דארפן לערנען און זיך מחזק זיין אין עניני אמונה וואס איז נתגלה געווארן ביי יציאת מצרים. האט דער משגיח אים געזאגט אז עס איז פיל מער פון דעם, דער עיקר וואס מען דארף נתעורר ווערן פון יציאת מצרים, איז דער ענין פון עבודות, אז מיר זענען געווארן עבדי ה' דורך יציאת מצרים.

**הגאון ר' ירוחם זצ"ל** איז דאס מבאר אין זיין ספר **דעת חכמה ומוסר** (מאמר ל"ח) ווי פאלגענד: די משנה זאגט (פסחים קטז:) חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים, דער תכלית פון יציאת מצרים איז אז דער מענטש אליין זאל ווערן פון די יוצאי מצרים. ווי אזוי קען דער מענטש אנקומען צו דעם, א מענטש מיינט אז ער קען אנקומען צו דעם דורך התבוננות און דורך לערנען אין ספרים און זיך מתבונן זיין אינעם 'אילו לא הוציא'.

**אבער** באמת ווער עס קלערט אזוי פארשטייט נישט די וועגן פון חינוך, ווייל ער מיינט אז דורך חכמה קען מען מחנך זיין תלמידים. מען קען בשום אופן נישט שלאגן ווארצלען אינעם נפש און באשאפן א נייע יצירה, נאר דורך מעשה המצוות, ווי חז"ל זאגן (סנהדרין צט:) אויפן פסוק (דברים כט, ח) וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, כאילו איר מאכט אייך אליין. יעדע מעשה מצוה איז אזוי ווי מען מאכט זיך אליין. א גרויסער יסוד איז, אז חכמה איז נישט די שפראך פונעם גוף, דער גוף פארשטייט נישט קיין שום חכמה, צום גוף קען מען נאר רעדן דורך מעשים.

**דאס** זאגט דער בעל הגדה, חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים, דאס קען מען נאר דורך די מעשה המצוות, ווי רבן גמליאל זאגט ווער עס האט נישט געזאגט די דריי זאכן אין פסח, פסח מצה ומרור, האט נישט יוצא געווען דעם חוב, ווייל דורך די מעשה המצוות פון עסן דעם קרבן פסח, עסן מצה, זיך אנלאנען, ד' כוסות, און מרור, נאר דורך דעם קען מען אנקומען צום תכלית פון כאילו הוא יצא ממצרים. דערפאר איז 'כל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח', ווייל ער ווערט מער און מער פון די יוצאי מצרים.

**דערפאר** זאגט דער בעל הגדה ווייטער, 'אפילו כולנו חכמים כולנו נבונים כולנו זקנים כולנו יודעים את התורה מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים', ווייל דורך דערמאנען און התבוננות אליין קומט מען נישט אן צום תכלית פון כאילו הוא יצא ממצרים, נאר דורך די מעשה המצוות, קומט מען אן צו ווערן פון די יוצאי מצרים.

**פארוואס** קען מען נישט אנקומען צו דעם נאר דורך די מעשי המצוות, איז ער מבאר ווייטער (מאמר מ"א), די מצות עשה פון סיפור יציאת מצרים, איז נישט כדי צו דערציילן וואס עס האט פאסירט פארן דור המדבר, נאר ווי דער בעל הגדה לערנט דעם מענטש, אז יעדער דארף עוסק זיין אין זיין אייגענע יציאת מצרים, ואילו לא הוציא וכו' הרי אנו ובנינו, יעדער דארף שפירן ביי זיך אליין דעם שעבוד, און אז ער איז אליין דער וואס גייט ארויס פון מצרים, דאס איז דער תכלית פון די מצוה. קומט אויס אז די ענין און עסק וואס אונזערע עלטערן האבן געהאט ביי יציאת מצרים, דארפן מיר יעצט האבן, און דער תכלית וואס איז געווען ביי יציאת מצרים ביי יענעם דור דארף געשעהן ביי אונז, ווייל מיר דארפן ווערן יוצאי מצרים ממש.

**דער** ענין פון יציאת מצרים איז לִהְיֹת לָכֶם לֵאלֹקִים (במדבר טו, מא), לִהְיוֹת לוֹ לְעַם נַחֲלָה (דברים ד, כ), אז מען איז ארויס פונעם רשות פון פרעה און מען איז אריין אינעם רשות פון השי"ת, דאס איז דער תכלית פון יציאת מצרים. ווער עס קלערט אז דער תכלית פון יציאת מצרים איז נאר אמונה, דאס איז א טעות, נאר דער תכלית איז נישט נאר אז מיר זאלן גלייבן אין די נסים פון יציאת מצרים. דער תכלית פון אמונה איז אז מיר זאלן דורך דעם ווערן עבדי ה', ווייל אויב דער תכלית איז נאר אמונה אין די נסים פארוואס פעלט אויס אז מיר זאלן זיך באטראכטן כאילו מיר זענען ארויס פון מצרים. זעהט מען אז דער תכלית פון יציאת מצרים איז אשר הוצאתיך מארץ מצרים להיות לכם לאלקים, וואס דאס איז עבודות השי"ת. ווי דער **רמב"ן** זאגט (פ' יתרו) אז די עבודות איז חל, דורך דעם

וואס מען איז מקבל אויף זיך דעם עול מלכות שמים. דערפאר דארפן מיר מקבל זיין עול מלכות שמים אין די נאכט, און ווערן עבדי ה' אזוי ווי די יוצאי מצרים.

**פארדעם** זאגט די תורה פיל מאל, אז מען זאל געדענקען יציאת מצרים, ווייל די עבודה פונעם מענטש איז נישט אז מען זאל געדענקען און גלייבן אז עס איז געווען נסים, נאר מען דארף ווערן פון די יוצאי מצרים, דאס דארף אונז מאכן פאר עבדי ה'. א מענטש קען גלייבן אין אלע נסים אויפן בעסטן אופן, אבער צו ווערן צוליב דעם א עבד ה' פאלט אים נישט איין, פאר דעם דארף מען דא אן אנדערע עבודה פון חכמה און התבוננות, נאר מען דארף טוהן אלע מצוות פון פסח, און נאר דורך דעם קען מען ווערן א עבד ה'.

### » אין וואס קריגן זיך בית שמאי און בית הלל, וויפיל שטיקלעך הלל מען זאל זאגן ביי די הגדה?!

**אין** די **משנה** (פסחים קטז:) איז דא א מחלוקת צווישן בית שמאי און בית הלל ביז וואו מען זאגט הלל פאר די סעודה, בית שמאי זאגן ביז 'אם הבנים שמחה', און בית הלל זאגן ביז 'חלמיש למעינו מים'. דער **ירושלמי** (פסחים פ"י ה"ה) זאגט דעם טעם פון די מחלוקת, די בית שמאי האבן געזאגט פאר די בית הלל, זענען דען אידן ארויס פון מצרים פאר חצות אז דו זאגסט אז מען זאל זאגן אויך בצאת ישראל ממצרים. האבן די בית הלל געענטפערט אפילו מען זאל ווארטן ביז צופרי איז מען נאך נישט אינגאנצן ארויס פון מצרים, ווי אזוי קען מען דערמאנען די גאולה ווען זיי זענען נאכנישט ארויס געגאנגען, זיי זענען דאך הערשט ארויס אינמיטן טאג, ווי דער פסוק זאגט (שמות יב, נא) וַיְהִי בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה הוֹצִיא ה' אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם, נאר וויבאלד מען האט אנגעהויבן די מצוה זאגט מען אים ענדיג.

**דער בריסקער רב זצ"ל** (חידושי הגרי"ז עה"ת סטנסיל - הגדש"פ) איז מבאר די שיטה פון רב האי גאון וואס דער ר"ן ברענגט אין פרק ערבי פסחים, אז עס איז פארהאנען צוויי דיני הלל, עס איז פארהאן הלל של 'קריאה', ווען מען זאגט הלל אין די אכצן טעג וואס חז"ל האבן מתקן געווען צו זאגן הלל, דערנאך איז פארהאן הלל של 'שירה' וואס מען זאגט ווען מען ווערט אויסגעלייזט פון א צרה וואס איז אים געשעהן. הלל של 'שירה' קען מען נאר זאגן אויף א צרה וואס עס איז אים פערזענליך געשעהן, אבער אויף א ישועה פון א צרה פון זיין חבר איז נישט שייך צו זאגן 'שירה'.

דוד המלך זאגט אין תהלים (יג, ו) וַאֲנִי בְּחַסְדְּךָ בָטַחְתִּי יָגֵל לִבִּי בִּישׁוּעָתֶךָ אָשִׁירָה לַה' כִּי גָמַל עָלָי. דוד המלך האט זיך שוין געפריידט בשעת די צרה אויף די ישועה וואס עס גייט קומען, אבער שירה האט ער נאר געזאגט נאכדעם וואס עס איז שוין געווען די ישועה. דאס איז פשט אין פסוק ואני בחסדך בטחתי - יגל לבי בישועתך, ער איז געווען זיכער אז די ישועה גייט קומען, אבער אשירה לה' איז נאר געווען נאכדעם וואס כי גמל עלי.

**די** הלל פון פסח ביינאכט איז הלל פון 'שירה', און נישט הלל פון 'קריאה', און מיר זאגן הלל פסח ביינאכט כאטש מיר זענען נישט געווען אין מצרים און מיר זענען נישט ניצול געווארן פונעם שעבוד מצרים, אבער מיר זאגן אין די הגדה, חייב אדם לראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים... לפיכך אנחנו חייבים להודות להלל... ונאמר לפניו שירה חדשה הללוקה, הללוקה הללו עבדי ה', וויבאלד עס איז דא א חיוב זיך אליינס צו באטראכטן כאילו מען איז ארויס פון מצרים די נאכט, און עס ווערט יעצט גערעכנט אזוי ווי די צייט פון די ישועה ממש, דערפאר זאגט מען לפיכך אנחנו חייבים להודות להלל, איז שייך צו זאגן הלל פון 'שירה'.

**דער** בריסקער רב זצ"ל ברענגט בשם זיין טאטן הגאון הגר"ח זצ"ל, אז מען זאגט נישט שירה אויף א נס נאר נאכדעם וואס איז שוין געשעהן דער נס, אפילו עס קומט א נביא און זאגט נביאות אז השי"ת גייט מאכן א נס, אדער ווער עס איז א בעל בטחון אז השי"ת גייט אים העלפן און ער וועט אים מאכן א נס, זאגט מען נישט קיין שירה פאר עס געשעהט די ישועה.

**מיט** דעם איז ער מבאר דעם ירושלמי, אז דערפאר האלטן די בית שמאי אז מען דארף זאגן פאר חצות נאר דעם ערשטן שטיקל פון הלל וואס מען זאגט הללו עבדי ה', ווייל פאר חצות איז שוין נתבטל געווארן דער שעבוד פון אידישע קינדער, און אידן זענען געווארן עבדי ה' און נישט עבדי פרעה. אבער די צווייטע שטיקל פון הלל וואס דאס איז 'בצאת ישראל', וואו מען דערמאנט יציאת מצרים, קען מען נישט זאגן פאר חצות ווייל מען איז נאך דעמאלטס נישט ארויס פון מצרים, כאטש זיי האבן שוין געהאט די הבטחה פון השי"ת אז זיי גייען ארויס פון מצרים, אבער מען זאגט נישט קיין שירה אויף א נס נאר ווען עס איז שוין געשעהן דער נס, און נישט אויף א הבטחה.

**דאגעגן**, בית הלל האלטן, וויבאלד א חלק פונעם נס איז שוין געשעהן, ווייל די שעבוד האט זיך שוין דעמאלטס אינגאנצן געענדיגט, קען מען שוין צוליב דעם אנהויבן זאגן שירה, און ווען מען הייבט שוין אן די שירה קען מען שוין ענדיגן די גאנצע.

### » דער אייבערשטער 'האט' אונז ארויסגעצוגן פון מצרים, אדער 'ציעט' אונז ארויס פון מצרים?!?!

**דער אור החיים הק'** זאגט אין פרשת בלק (כג, נב) אויפן פסוק קל מוציאם ממצרים, אז עס שטייט נישט הוציאם אז השי"ת האט אונז ארויסגעצויגן פון מצרים, נאר מוציאם, אז ער ציט אונז יעצט ארויס פון מצרים. איז ער מבאר וואס מען זאגט אין די הגדה 'בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים', [און דער **רמב"ם** (פ"ז מהל' חמץ ומצה ה"ו) איז מוסיף, אזוי ווי מען איז 'יעצט' ארויס פון מצרים], אז דער כח פון די גאולה ווערט נתחדש יעדעס יאר אין די צייט פונעם סדר נאכט, און די גאולה איז א גאולה רוחניות וואס קומט אראפ יעדעס יאר ביי יעדעם מענטש, דערפאר דארף זיך א מענטש באטראכטן כאילו ער איז 'יעצט' ארויס פון מצרים.

**דער** ספר **החינוך** (מצוה ט"ז) אויף די מצוה פון ועצם לא תשברו בו, פרעגט פארוואס האט אונז השי"ת געהייסן טוהן די אלע זאכן פאר א זכר צו די נסים, עס איז דאך גענוג אז מען מאכט איין זאך פאר א זכר אז דאס זאל נישט פארגעסן ווערן.

**איז** ער מבאר אז דער טעם איז, ווייל א מענטש ווערט אזוי ווי די מעשים וואס ער טוט, זיין הארץ און אלע זיינע מחשבות גייען נאך די מעשים וואס ער טוט סיי צום גוטן און סיי צום שלעכטן, אפילו א רשע גמור וואס זיין הארץ קלערט א גאנצן טאג נאר שלעכטס, אויב וועט ער עוסק זיין שטענדיג אין תורה און מצוות אפילו שלא לשם שמים, וועט ער ווערן גוט, און דורך זיין מעשה וועט ער הרג'נען דעם יצר הרע, ווייל דאס הארץ ווערן נאכגעשלעפט פון די מעשים.

**דאגעגן**, אפילו א מענטש וועט זיין א צדיק גמור מיט א גאנץ הארץ מיט תורה און מצוות, אויב וועט עוסק זיין שטענדיג מיט שלעכטס, למשל אויב דער קעניג וועט אים צווינגן צו א שלעכטע אומנות, און ער וועט כסדר אין דעם עוסק זיין, וועט ער ווערן א רשע גמור. דערפאר זאגן חז"ל (מכות ב.) אז השי"ת האט געוואלט מזכה זיין אידישע קינדער האט ער זיי פארמערט תורה און מצות, כדי מיר זאלן עוסק זיין אין דעם, עס זאל אונז זיין גוט צום סוף.

**קומט** אויס אז די עבודה פון פסח ביינאכט איז אז כדי מען זאל שפירן ווי מען איז יעצט ארויס פון מצרים, דארף מען זיך ארייןלייגן און נאכאמאל איבערלעבן יציאת מצרים, אוןביידע טעמים אויף אכילת מצה דארף מען האבן כדי ארויסצוברענגען דעם תכלית פונעם אכילת מצה. ווען מיר זענען מקיים די מעשה המצוה פון עסן מצה, לייגן מיר זיך פריער אריין אינעם לחם עוני, מען לעבט מיט דעם שעבוד מצרים, און דורך דעם שפירט מען די שמחה פון די חירות און די גאולה.

**דערפאר** זאגט מען צום סוף פון די הגדה 'רבן גמליאל היה אומר כל שלא אמר שלשה דברים אלו בפסח לא יצא ידי חובתו', לכאורה אויב דאס איז דער עיקר חיוב, וואלט מען מיט דעם געדארפט אנהייבן דעם סדר, פארוואס ווארט מען דאס צו זאגן צום סוף פון די הגדה, נאר ווי מיר האבן געזאגט אז מען דארף זיך פריער ארייןלייגן אינעם מצב פונעם שיעבוד, און דערנאך אינעם מצב פון די גאולה אז מיר זענען אליין ארויס פון מצרים, דעמאלטס קען מען זאגן רבן גמליאל היה אומר, אז די מצה איז א זכר לחירות.

"...די עבודה פון פסח ביינאכט איז אז כדי מען זאל שפירן ווי מען איז יעצט ארויס פון מצרים, דארף מען זיך ארייןלייגן און נאכאמאל איבערלעבן יציאת מצרים, און ביידע טעמים אויף אכילת מצה דארף מען האבן כדי ארויסצוברענגען דעם תכלית פונעם אכילת מצה..."